בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת נצבים - וילך

כ"ג אלול שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 15

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גְעוֶוען אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.**

**דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:**

**אוּן עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַ בּוֹים. וָואס אַז מִזָאל דֶעם בּוֹים אָן טְרֶענְקִין וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיְינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן. אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז וָואס זֵיי גְרָאבְּן טָאג אוּן נַאכְט אוּן לָאזִין נִיט צוּ קֵיין וַואסֶער צוּ דֶעם בּוֹים. הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער אַנְדֶערֶער: נָאךְ וָואס בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין טָאג אוּן נַאכְט אוּן גְרֶאבִּין. אַ מֶער וִוי מִגְרָאבְּט אָפּ אֵיין מָאל אַז דָאס וַואסֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ קוּמֶען. אִיז שׁוֹין גִינוּג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. כַּאֲשֶׁר עֶס אִיז בַּיי אוּנְז פַארְהַאנֶדְן מְדַבְּרִים (כְּלוֹמַר רֵיידֶערְס) אוּן דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן אוּן מַאכִין קְרִיג צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מִלְחָמוֹת. אוּן דוּרְךְ דִי מִלְחָמוֹת וֶוערְט עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ. פַאלְט אַיין דִי עֶרְד וָואס אַרוּם דֶעם גְרָאבְּן קָאן קוּמֶען וַואסֶער צוּם בּוֹים.**

אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרָאבִּין. אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ מֶלֶךְ צְווִישְׁן אוּנְז. מַאכְט מֶען פַאר אִים כָּל הַלֵיצָנוּת. אוּן מְאִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער שְׁפֶּעט וִוי עֶר הָאט מַזִיק גִיוֶוען אַ קִינְד אוּן וִוי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיעֶרְט דְרוֹיף.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס זֶענֶען שֵׁדִים, מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז וֶוען זֵיי קֶענֶען מַזִיק זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶעם מַאכְן וֵויינֶען.

מֶען זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי נוּצְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע לָשׁוֹן: **"דֶער שְׁפֶּעט וִוי עֶר הָאט מַזִיק גִיוֶוען אַ קִינְד אוּן וִוי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיעֶרְט דְרוֹיף"**, דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז 'דָאקְטוֹרִים'; דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי קִידוּשׁ פוּן דִי נֵייעֶ גֶעבּוֹירְן קִינְד בַּיי ... נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אִין דִי צַייט וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אָנְצוּשְׁרֶעקְן דִי עֶלְטֶערְן; אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶס גֵייט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קֵיין קִינְד וְכוּ' וְכוּ',

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

**הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ (דברים כט, כט)**

דֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב - דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זִי"ע בְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ (דִּבְרֵי תּוֹרָה, מַהְדוּרָא רְבִיעָאָה, סִימָן מד) אַז דִי אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, אוּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט עֶרְלִיכֶע אִידִישׁ דוֹרוֹת יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, אוּן עֶר טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כט, כט): "הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ, וְהַנִּגְלוֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם, לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת"; הַנִּסְתָּרֹת - דִי אַלֶע וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטְן, לַה' אֱלֹקֵינוּ, אָבֶּער וְהַנִּגְלוֹת - דִי וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָפֶּענֶערְהֵייט, דָאס גֵייט אַרִיבֶּער לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק ר' אַבְרָהָם בּ"ר נַחְמָן ז"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אִין אִים אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד אוּן עֶר פְלֶעגְט זֶען זַיין טַאטֶע ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זֶעלְבֶּע הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, ר' יַעֲקֹב קַאלְמָאנָאוִויטְשׁ ז"ל, עֶר פְלֶעגְט אַרַיין בַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, דִי חֶדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט, פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דֶעם קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן הֵייסְן גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן עֶר פְלֶעגְט פָארְזָאגְן אַ תְּפִלָּה אוּן הֵייסְן דֶעם אִינְגְל נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט, אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרֹכֶת, אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ פַארְצֵיילְט אַז דֶער מְלַמֵּד הנ"ל פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֶדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בְּשַׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען: "הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לַעֲנִיִּים וְלַיְתוֹמִים וּלְאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן"; מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אִין דִי פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִלָּה. דָאס הֵייסְט אַן אֶמֶת'עֶר חִינוּךְ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְּדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר פוּן דֶעם מְלַמֵּד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אִיז אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין זַיינֶע קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בִּפְרַט זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט פַאר דִי לֶעבְּן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זַאכְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן; דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּפְרִי זָאגְן זֵיי דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, קוֹדֶם אִיז יֶעדֶער אִינְגְל מַעֲבִיר סֶדְרָה - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאכְדֶעם זָאגְן דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים', אוּן נָאכְדֶעם מִשְׁנַיּוֹת. נָאכְן דַאוֶוענֶען לֶערְנְט מֶען אַזוֹי וִוי אִין אַלֶע חֲדָרִים דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיּוֹת וְכוּ', אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן דָאס נָאר אִין חֶדֶר, אַ טַאטֶע דַארְף אוֹיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשע"ז)

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶס וֶועט זַיין אַ דַאוּ"ן סִינְדְרָא"ם לֹא עָלֵינוּ, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ דִי נַיין חֳדָשִׁים כְּסֵדֶר הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרָאקְן יֶעדֶעס מָאל מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי אִיז דָא מְרַמֵּז: "**דֶער שְׁפֶּעט ווִי עֶר הָאט מַזִּיק גִיוֶוען אַ קִינְד**" - זֵיי שְׁרֶעקְן אָן דִי עֶלְטֶערְן אַז דָאס קִינְד וֶועט זַיין אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד וְכוּ', פַּארְוָואס טוּעֶן זֵיי דָאס? וַוייל זֵיי ווִילְן זֶען "**ווִי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיֶערְט דְרוֹיף**" - קוֹדֶם זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען...; דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ג) מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן דָאקְטוֹרִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען רוֹצְחִים, זֵיי הַרְגְ'נֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט זֵייעֶרֶע פַּאצִיעֶנְטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם בַּעַל שִׂמְחָה: דוּ גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ אַוַודַאי וָואס נָאךְ דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן דִיר אָנְגֶעשְׁרָאקְן, אַז דָאס קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן מִיט אֵיין קְלֵיינֶע פוּס; דוּ וֵוייסְט וִויפִיל שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶערְפוּן? אִיךְ הָאבּ גָאר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט זֶעט מֶען ווִי עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַּאר'ן קִינְד.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן צֶענְדְלִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן הַיינְט הָאבְּן זֵיי שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחוֹת. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט אוֹיךְ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ קִינְד: בַּיי דִיר אִיז דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶס גֵייט זַיין אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד, זֵיי הָאבְּן צוּגֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם ... כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן וְכוּ', אוּן קוּק עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִיר אַ לִיכְטִיג קִינְד; דָאס זֶענֶען דָאקְטוֹרִים, זֵייעֶר גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז נָאר וואוּ זֵיי קֶענֶען מַזִּיק זַיין דוּרְכ'ן אָנְשְׁרֶעקְן, אוּן מַאכְן וֵויינֶען עֶלְטֶערְן.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי 'קָארָאנֶע וֵוירוּס' הָאט מֶען דָאס בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶען ווִי דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אַלֵיינְס אַוֶועק גֶע'הַרְגְ'עט הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן הַשֵּׁם יְרַחֵם; דָאס הָאט דֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעזֶען פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק אַז דָאקְטוֹרִים זֶענֶען רוֹצְחִים.

**אוּן דֶער וַוייזְט אֵיין אַנְדֶער לֵיצָנוּת. אוּן אַזוֹי כַּמָּה אִירְלֵיי לֵיצָנוּת. אוּן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּמְט אִין שִׂמְחָה אַרַיין גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן פְּרוּבְט זִיךְ אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים. וָוארִין אַז דֶער בּוֹים זָאל גָאר נִיט זַיין. וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס הַארְץ זֵייעֶר כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. וִוי עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים. טוּט דֶער בּוֹים אַ גְרוֹיסֶע גִישְׁרֵיי. אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים אַ פַּחַד מוּז עֶר זִיךְ אוּם קֶערִין.**

**אַמָאל אִיז גִיוָוארְן אַ נַייעֶר מֶלֶךְ בַּיי אוּנְז** (דְהַיְינוּ בַּיי שֵׁדִים. וָוארִין דָאס הָאט אַלֵץ דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּ דֶעם שְׁלִיחַ כַּנַּ"ל) **הָאט מֶען פַאר אִים גִימַאכְט גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת. כַּנַּ"ל. אִיז עֶר אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שְׁטַארְק הַארְץ זֵייעֶר. אוּן הָאט גִיוָואלְט אוֹיס רַייסִין דֶעם בּוֹים גָאר אִין גַאנְצִין אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁטַארְקְט דָאס הַארְץ. אוּן אִיז צוּ גִילָאפִין אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. וִוי עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם בּוֹים. הָאט עֶר אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסִין גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן אַ פַּחַד. הָאט עֶר זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אוּן אִיז גִיוֶוען אִין גְרוֹיס כַּעַס. אוּן אִיז קְרִיק גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן מֶענְשְׁן זִיצִין** (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער חָכָם הַנַּ"ל מִיט זַיינֶע מֶענְשִׁין) **הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט פוּן זַיינֶע לַייט. אַז זֵיי זָאלִין עֶפֶּעס טוּן** (דְהַיְינוּ מַזִּיק זַיין

זֵיי אַזוֹי ווִי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז) וִוי דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם חָכָם הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן (דְהַיְינוּ דֶער חָכָם הַנַּ"ל) אָנְגִירוּפְן צוּ זֵיי שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער בּוֹים דָאס אִיז דֶער צַדִּיק וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זֹהַר, תִּיקּוּן ו): 'עֵץ דָא צַדִּיק'; דִי שֵׁדִים זוּכְן נָאר אוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם צַדִּיק, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן אַוֶועק דֶעם רֶבִּי'ְנְס לִימוּדִים.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: אִין אֶמֶת'ן אִיז דִי גַאנְצֶע סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי מְרוּמָז אִין אַ קֶענִיג, אַמָאל אִין בֶּעטְלֶערְס אוּן אַמָאל אִין אַ בּוֹים.

**וִוי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחֲמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַנְדֶערֶע שְׁלוּחִים. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס כַּעַס אַרַיין אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי.**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט "דֶער עִיגוּל וַוייזְט אוֹיף 'אַחְדוּת'", אָבֶּער 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' הָאט אִין זִיךְ אַלֶעס, אַלֶעס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם רֶבִּי'נְ'ס מַעֲשִׂיּוֹת, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען לֶערְנְט עֶס הָאט עֶס אַן אַנְדֶערֶע פְּשַׁט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): דֶער עִיגוּל וַוייזְט אוֹיף 'אֱמוּנָה', וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ט) "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ", אֱמוּנָה נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט 'אֱמוּנָה', עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים, אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

דֶערְפַאר אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶוען דֶער עִיקָּר אֱמוּנָה, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָּר אֱמוּנָה; אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיין נֶעמֶען דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, וָואס אִיךְ דַארְף - בֶּעט אִיךְ נָאר פוּן אִים.

דָאס דַארְף מֶען חַזֶר'ן אָן אוֹיפְהֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אֵיין צְוֵויי מָאל אוּן יוֹצֵא גֶעוֶוען, מֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר מֶען דַארְף דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן, דָאס דַארְף וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן טִיף אִין הַארְצְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: מִיט אֱמוּנָה וֶועלְן מִיר - מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף - אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען יֶעצְט זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק: "וָואס וֶועט זַיין מִיט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן?" - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "מִיט אֱמוּנָה וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען, דִי גְרֶענִיץ וֶועט זִיךְ עֶפֶּענֶען". בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס גֶעבְּט אַ 'יִשּׁוּב הַדַּעַת', אַ רוּאִיגְקֵייט פַּאר'ן מֶענְטְשׁ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכח); אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

מִיר הָאבְּן דָאךְ יֶעצְט גֶעעֶפֶּענְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין קִרְיַת יוֹאֵל, הָאט מִיר אַ מְלַמֵּד גֶעפְרֶעגְט: "וִויפִיל צַייט דַארְף מֶען אַוֶועקְגֶעבְּן פוּנֶעם טָאג צוּ לֶערְנֶען 'אֱמוּנָה'?" - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט קַיין 'עִנְיָן', אוּן נִישְׁט קַיין 'נוֹשֵׂא', עֶס

איז נישט אַ זאַך וואָס מען באַשטימט אַ צייט צו רעדן דערפון, מען גייט יעצט רעדן דערפון פאַר פופצן מינוט אָדער גייט מען אַראָפּ רופן אַ בעל דרשן וואָס וועט רעדן פון אמונה; אמונה איז אַ זאַך וואָס מען דאַרף לעבן דערמיט, אין אַלעס וואָס מען טוט נעמט מען אַריין דעם אייבערשטן, ווען מען רעדט צו קינדער לייגט מען אַריין דעם אייבערשטן ביי יעדע זאַך, אַלעס זאָל זיך דרייען אַרום 'אמונה', מען נוצט שטענדיג דעם שפּראַך: "מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר גיין", "ברוך השם דער אייבערשטער האָט געהאָלפן", אָדער ווען אַ קינד רעדט זיך אָפּ: "איך האָב זיך צעקלאַפּט", זאָגט מען אים: "בעט דעם אייבערשטן אַז עס זאָל זיך אויסהיילן"; ווען זיי שפּילן זיך לערנט מען זיי אויס: בעט דעם אייבערשטן אַז דו זאָלסט געווינען, אַז דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן - וועסטו זען אַז דער אייבערשטער וועט העלפן אַז דו וועסט געווינען; אַזוי וועלן די קינדער אויפוואַקסן מיט אמונה, זיי וועלן בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאַך וואָס זיי דאַרפן.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט ווייטער: דאָס איז געווען דער וועג ווי אַזוי די קאַמוניסטן האָבן אַריין געברענגט כפירה אין די קליינע קינדער. די לערער פלעגט זאָגן פאַר די קינדער: "עטץ דאַרפט דאָך ברויט, בעטס דעם אייבערשטן", און די קינדער האָבן געבעטן פונעם אייבערשטן: "באַשעפער מיר זענען הונגעריג, מיר דאַרפן ברויט", האָט זיי דער לערער געזאָגט: "זעט ווי דער אייבערשטער קען אייך נישט געבן ברויט, יעצט בעטס פון סטאַלין (ימח שמו) ער זאָל ענק געבן ברויט", האָבן די קינדער אָנגעהויבן בעטן: "סטאַלין מיר זענען הונגעריג, מיר דאַרפן ברויט", און איינער פון די לערער'ס האָט אַריין געוואָרפן ברויט פון די פענסטער, און די קינדער האָבן געמיינט אַז דאָס קומט פון סטאַלין, אַזוי האָבן זיי אויסגעריסן די אמונה אינעם באַשעפער; דאַרפן מיר טון דאָס פאַרקערטע, זען אַריין צו לייגן אין די קינדער זיי זאָלן וויסן אַז וואָס מען בעט דעם אייבערשטן - באַקומט מען.

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט ממשיך געווען: דאָס דאַרפן מיר זען איינצובאַקן אין די קינדער, זיי זאָלן לעבן מיט'ן באַשעפער, אָבער דאָס קען נאָר אַרבעטן אַז דער מלמד, די לערערין און די עלטערן אַליין זענען אָנגעפילט מיט 'אמונה'; די מלמדים און עלטערן זענען דער ביישפּיל פאַר'ן קינד, ווען די קינדער זעען ווי זייער מלמד וכדומה רעדט צום אייבערשטן און לעבט פיר און צוואַנציג שעה מיט'ן באַשעפער, שפּריצט דאָס אַטאָמאַטיש אַריין אין זיי; דער מלמד דאַרף אַליינס לעבן אַזוי שטאַרק מיט'ן באַשעפער אַז ער זאָל אפילו נישט כאַפּן ווי ער האַלט אין איין רעדן פון באַשעפער.

קינדער זענען גרויסע מבינים, זיי שפּירן גוט ווי אַזוי עלטערן דערהאַלטן זיך ווען זיי גייען אַריבער שוועריקייטן און שווערע מצבים, זיי באַמערקן צי די עלטערן ווערן פאַרלוירן פונעם מצב, אָדער לעבן זיי מיט'ן אייבערשטן און פאַרלירן זיך נישט.

און דער ראש ישיבה האָט געזאָגט: אוי! ווי מיר דאַרפן דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר די מתנה פון 'התבודדות' וואָס מיר האָבן באַקומען פונעם רבי'ן; ווען עס גייט אַריבער אַ שוועריקייט אויפ'ן מענטש קען ער גיין אין אַ זייט און זאָגן צום אייבערשטן: "רבונו של עולם העלף מיר", "רבונו של עולם איך בין איינער אַליין, איך האָב קיינעם נישט אויף די וועלט, נאָר דו קענסט מיך פאַרשטיין, נאָר די קענסט מיר העלפן"; אַ מענטש וואָס געוואוינט זיך צו צו נוצן די עצה פון 'התבודדות', אַזאַ מענטש דאַרף שוין קיינעם נישט אויף די וועלט, ער לעבט אַ חיים טובים, ער איז שוין אין גן עדן, ווען עפּעס גייט אים אַנדערש ווי ער האָט געמיינט קען ער עס אַדורך טראָגן און פאַרלירט זיך נישט.

דאָס איז דער עיגול וואָס דער חכם - דער הייליגער רבי - האָט געמאַכט: "אמונה"; דער רבי לערנט אונז אויס: אפילו דו געפינסט זיך אין אַ פּלאַץ אַרומגענומען מיט 'די נישט גוטע', האָסטו אַ וועג זיך אָפּצוהיטן פון זיי; אַ מענטש וואָס שמועסט איבער מיט'ן אייבערשטן יעדע זאַך וואָס גייט אַריבער אויף אים, דער מענטש איז אַרום גענומען פון אַלע זייטן מיט דער עיגול פון אמונה און קיינער קען נישט צוקומען צו אים.

און דער ראש ישיבה שליט"א האָט דאָס מסביר געווען מיט עטליכע משלים, ווייזענדיג אינדרויסן פון בית המדרש זאָגט דער ראש ישיבה שליט"א: קוקט, דאָ אינדרויסן איז דאָ אַ נעסט פון בינען, די קינדער גייען דאָ אַריבער און האַלטן אין איין ווערן צעביסן, ווידעראום זענען דאָ מענטשן וואָס טוען אויפהאָדעווען צענדליגער טויזנטער בינען און נעמען אַרויס האָניג דערפון, זיי ווערן נישט צעביסן, ווי אַזוי קען דאָס זיין? נאָר זיי נעמען זיך אַרום מיט באַשיצונגס קליידער, קענען די אַלע בינען נישט צוקומען צום אים. די זעלבע איז מיט אַ מענטש וואָס פאַלט אַריין אין אַ טיפע וואַסער ווערט ער נעבעך גלייך דערטראַנקען, ווידעראום זענען דאָ מענטשן וואָס קענען אַראָפּ גיין זייער טיף אין וואַסער און בלייבן לעבן, ווי אַזוי קען דאָס זיין? נאָר זיי נעמען זיך אַרום מיט אַ ספּעציעלע קלייד וואָס האַלט אים אָן ער זאָל זיך נישט דערטרענקען. די זעלבע איז מיט רויעך, אַ מענטש וואָס גייט אַריין אין אַ פּלאַץ וואָס ברענט און פלאַקערט, עס גייט דאָרט אַרויס אַ געפערליכע רויעך, קען ער רחמנא ליצלן דערשטיקט ווערן פון די רויעך, אָבער די פייער לעשער זיי קענען אַריין גיין אין די רויעך, ווי אַזוי? זיי נעמען זיך אַרום מיט ספּעציעלע קליידער וכדומה, אַזוי קענען זיי דאָרט זיין און זיי דערשטיקן זיך נישט.

פירט דער ראש ישיבה שליט"א אויס: "דאָס איז אמונה"; אמונה נעמט אַרום דעם מענטש, וואו דער מענטש זאָל נאָר זיין וועט דאָס אים ראַטעווען; אַ מענטש וואָס לעבט מיט'ן אייבערשטן, ער רעדט צום אייבערשטן, ער דאַנקט דעם אייבערשטן, ווען עס גייט איבער אויף אים שוועריקייטן בעט ער דעם אייבערשטן, יעדע זאַך שמועסט ער זיך אויס מיט'ן אייבערשטן - דער קען האָבן די זעלבע צרה ווי דער אַנדערער אָבער וועט עס קענען דורך גיין, קיינער וועט אים נישט קענען בייקומען, ער וועט זיך נישט צעבייסן אָדער דערטרענקען אָדער דערשטיקן פון זיינע צרות.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט ווייטער: "מען טאָר זיך נישט פאַרלירן, דער אייבערשטער וועט אונז נישט פאַרלאָזן, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זיין אין אומאַן, איי די גרעניץ איז פאַרמאַכט? דאַרפן מיר האַלטן און איין בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם איך וויל זיין אין אומאַן ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן, באַשעפער עפן די גרעניץ אַז אַלע אידן זאָלן קענען אָנקומען צום הייליגן רבי'נס ציון" - מיט תפלה וועלן מיר עפענען דעם גרעניץ".

וואָס מיינט עטץ ווער האָט געעפנט די גרעניץ פון רוסלאַנד אין די צייטן פון קאַמוניזם? די יונגערע דור געדענקט שוין נישט ווי אַזוי די 'קאַמוניזם' איז צעפאַלן, ווען מען ליינט היינט ביכער וואו אידן שרייבן זייער איבערלעבעניש אין רוסלאַנד קען מען נישט גלייבן די צוויי זאַכן אינאיינעם: אַז עס איז געווען אַזאַ זאַך ווי 'קאַמוניזם' און דאָס איז שוין אונטער געגאַנגען, די צוויי זאַכן שטימען נישט איינס מיט'ן צווייטן, ווי קען זיין ביידע צוזאַמען? אָדער איז נישט געווען קיין 'קאַמוניזם', אָדער איז עס

נִישְׁט אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען; זֵיי הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק קָאנְטְרָאלִירְט דִי מֶענְטְשְׁן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט צוּ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַנְטְקֶעגְן דִי רֶעגִירוּנְג הָאט מֶען אִים בַּאלְד דֶערְשָׁאסְן, מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן קַיין סִיבּוּר וְכוּ׳, אַז אֵיינֶער זָאל דִיר קוּמֶען זָאגְן אִין יֶענֶע צַייטְן ׳דִי גְרֶענִיץ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען׳ וָואלְט עֶס אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ חָלוֹם, קֵיינֶער וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיבֶּערְנַאכְט אִיז עֶס אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען אָן קַיין אֵיין שָׁאס; אוּן בִּכְלַל דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען לֵייגְט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְ׳ן שֵׂכֶל, אַזַא פֶעסְטֶע רֶעזְשִׁים וָואלְט בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְגֵיין אָן קַיין מִלְחָמוֹת, אַזַא זַאךְ וָואלְט בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע גֶעדַארְפְט קָאסְטְן כָאטְשׁ אַ מִילְיָאן נְפָשׁוֹת, עֶס וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט גִיסְן בְּלוּט אַז דָאס זָאל קֶענֶען פַּאסִירְן, דָאס אִיז נָאר צוּ פַארְדַאנְקְן דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דֶער וָואס עֶס קוּמְט צוּ זַיין קֶבֶר", אַזוֹי הָאבְּן בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג, יָארְן לַאנְג בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער טָאג וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דִי גַאנְצֶע קַאמוּנִיזְם אִיז צֶעפַאלְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע וִוי מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט, דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ אַ תְּפִלָּה אוּן נָאךְ אַ תְּפִלָּה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דֶער וָואס עֶס קוּמְט צוּ זַיין צִיּוּן", נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן בִּיז מִיר וֶועלְן פּוֹעֵל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוֹיף מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי פְּלֶענֶער וִוי אַזוֹי צוּ פּוֹעֵל׳ן בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר חָשׁוּב וָואס מֶען טוּט, אָבֶּער אָן תְּפִלָּה אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, הֲבֵל הֲבָלִים.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: נֶעכְטְן בַּיים סְעוּדַת בְּרִית מִילָה הָאט דֶער זֵיידֶע הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי דָנִיאֵל בּוֹים שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה; דֶער הֵיילִיגֶער כְּתַב סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין פְּרֶעשְׁבּוּרְג, דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט גֶעוואוֹינְט אַ גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַרְבֶּעטֶער אַ גוֹי אַ יוּנְגֶער שֵׁגֶץ אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעזוּכְט וואוּ עֶר קֶען אָפְּטוּן צָרוֹת פַאר זַיין בַּעַל הַבָּיִת אַ אִיד, אֵיינְמָאל אִיז דֶער מוֹשֵׁל גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין, עֶר הָאט מִיט גֶעבְּרֶענְגְט אַ זֶעקְל גֶעלְט אוּן הָאט אַרוּם שְׁפַּאצִירְט דֶעם שְׁטָאט אוּן זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט וִוי אַזוֹי אַלֶעס גֵייט וְכוּ׳, דֶער גוֹי וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דֶעם גְבִיר אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט וֶוען דֶער מוֹשֵׁל וֶועט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶע׳גַנְבְ׳עֶט דָאס גֶעלְט פוּנֶעם מוֹשֵׁל.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ רוּדֶערַיי אַז דָאס גֶעלְט אִיז פַארְשְׁווּינְדְן, הָאט דֶער גוֹי מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶען וֶועט אִים כַאפְּן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע׳גַנְבְ׳עֶט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן אַרַיין גֶעוָוארְפְן דֶעם בַּייטְל אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט פוּן זַיין בַּעַל הַבָּיִת, אוּן אִיז גֶעלָאפְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אוֹיסְזָאגְן זַיין בַּעַל הַבָּיִת, זָאגֶענְדִיג: "מַיין בַּעַל הַבָּיִת הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט גַנְבְ׳עֶנֶען דָאס גֶעלְט", דֶער מוֹשֵׁל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִין כַּעַס אוֹיף דֶעם אִיד אוּן הָאט גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען דֶעם אִיד אִין קֵייטְלֶען, מֶען הָאט אִים גֶע׳מִשְׁפָּ׳ט אַז מֶען גֵייט אִים הַרְגְ׳עֶנֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיט גֶעוֵויין: "עֶס אִיז אַ בִּלְבּוּל, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע׳גַנְבְ׳עֶט דָאס גֶעלְט", אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט.

אִיז מֶען גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן כְּתַב סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל אַרוֹיס הֶעלְפְן דֶעם אִיד, הָאט דֶער כְּתַב סוֹפֵר גֶעטוּן אַלֶע מִינֵי הִשְׁתַּדְלוּת, עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ וֶועמֶען עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אַרוֹיס לָאזְן דֶעם אִיד פְרֵיי, עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁמִירְט דִי רֶעדֶער... אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטַאפְּט אַ וַואנְט, דֶער מוֹשֵׁל הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן, אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ דִי הֶעכֶערֶע פֶענְסְטֶערְס קַיין בּוּדַאפֶּעסְט וואוּ עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְבִּינְדוּנְגֶען מִיט דִי שָׂרִים פוּן דָארְט, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט עַסְקָנִים אוּן שְׁתַּדְלָנִים, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערִיקְט פָארְאוֹיס, דֶער כְּתַב סוֹפֵר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ וֶועלְט טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט הִשְׁתַּדְלוּת אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בַּיינַאכְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, פְּלוּצְלִינְג זֶעט עֶר זַיין טַאטֶען דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין חָלוֹם, זַיין טַאטֶע שְׁטֵייט נֶעבְן אִים מוֹרָא׳דִיג בְּרוֹגֶז אוּן שְׁרֵייט אוֹיף אִים: "עֶס וַוארְט אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט אוֹיף אַ אוּמְשׁוּלְדִיגֶער אִיד פוּן דַיין שְׁטָאט אוּן דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט אִים צוּ רַאטֶעוֶוען?!" הָאט דֶער כְּתַב סוֹפֵר גֶעזָאגְט פַאר׳ן טַאטֶען: "וָואס הֵייסְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אִיד?", אָבֶּער דֶער חֲתַם סוֹפֵר שְׁרֵייט וַוייטֶער: "פַארְוָואס טוּסְטוּ גָארְנִישְׁט צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אִיד וָואס מֶען גֵייט הַרְגְ׳עֶנֶען?!" זָאגְט דֶער כְּתַב סוֹפֵר נָאכְאַמָאל פַאר׳ן טַאטֶען: "טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט, וָואס אִיךְ קֶען נָאר טוּן", הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּן!"

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער כְּתַב סוֹפֵר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן שְׁלָאף הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם שַׁמָּשׁ פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט אוּן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעטוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶס הָאט גֶעדַארְפְט זַיין דֶער מִשְׁפָּט, הָאט דֶער שׁוֹפֵט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְקוּקְן דִי גַאנְצֶע אָנְקְלַאגֶע, מֶען זָאל רוּפְן דֶעם גוֹי דֶער מָסוֹר, וֶוען דֶער גוֹי אִיז גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער שׁוֹפֵט נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער׳ן גְנֵיבָה בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶעם אֶמֶת אַז דֶער אִיד אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג דֶער גוֹי הָאט עֶס אַלֵיינְס גֶע׳גַנְבְ׳עֶט, אוּן דֶער אִיד אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיסְגֶעפִירְט: יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט פְּלֶענֶער, אַז מֶען וֶועט טוּן אַזוֹי, מֶען וֶועט שְׁמִירְן דִי רֶעדֶער... אָבֶּער וִוי לַאנְג מִיר וֶועלְן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט רִיקְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן ׳תְּפִלָּה׳, אַז מֶען וִויל פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דִי פוּן דִי אַלֶע הִשְׁתַּדְלוּת וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן אָן תְּפִלָּה; מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אֱמוּנָה וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג׳ - חֵלֶק ט׳

(פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא תש"פ לִפְרָט קָטָן)